# דעם רבינ'ס ליכט

ויגש תשפ"ג
גליון 123



אַיֶיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

בְּרֶסְלֶב עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ צוּם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת יָאר תר"ה. עֶס הֶערְשְׁט אִינְדְרוֹיסְן אִין גַאס אַ בִּיטֶערֶע קֶעלְט אוּן פִינְסְטֶערְנִיש. אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע הֵייזֶעקֶעלֶעך זִיצְט דֶער "מֹחַ" פוּן דִי וֶועלְט, מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב - דֶעם רֶבִּי'נְס גְרֶעסְטֶער תַּלְמִיד - אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא אוּן שְׁפִּיץ שְׁטֵייט זַיין גֶעטְרֵייעֶר מְשַׁמֵּשׁ נֶאֱמָן אוּן תַּלְמִיד מֻבְהָק ר' נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין, זַיין זוּן ר' יִצְחָק אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶ'ע תַּלְמִידִים. ר' נָתָן רֶעדְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע רֵייד וָואס אִיז אַזוֹי וִוי זַיין לֶעצְטֶע צַוָּאָה: "עֶנְק זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט!"

רֶעדְנְדִיג זַיינֶע לֶעצְטֶע דִיבּוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט רוּפְט עֶר זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אָן: "וֶועלְכֶע דְרֵיי צָרוֹת אִיז גֶעשֶׁען חֹדֶשׁ טֵבֵת?" דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ זָאגְן! אוּן ר' נָתָן עֶנְטְפֶערְט: "א) עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן ב) דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעטֵייטְשְׁט אוֹיף יְוָונִישׁ ג) דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אִיז צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן אוּן דֶער מֶלֶךְ בָּבֶל הָאט אִיר אֵיינְגֶענוּמֶען". רַבִּי נָתָן הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ מַסְבִּיר זַיין זַיינֶע רֵייד: "נוּ אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט (ר' נָתָן הָאט דָאס גֶעמֵיינְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין) אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַזוֹי פוּל מָאל וִוי ס'אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל! נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'נְס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן פַאר אַלְסְדִינְג. נוּ זָאג אִיךְ אַייךְ אָן; אַייעֶר בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים - ס'זָאל זַיין "יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה," אִיהְר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט, מִיט רָצוֹן, אוּן מִיט טִרְחָה!"

רַבִּי נָתָן הָאט בַּאלְד דֶערְנָאךְ זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין טַלִּית וּתְפִילִּין מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת. וֶוען מֶען הָאט גֶעלֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה "וַיְחַל מֹשֶׁה" הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גְרוֹיסְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר ר' נַחְמָן בֶּן ר' עוֹזֵר: "גִיבּ מִיר דֶעם כָּל טוּב," הָאט ר' נַחְמָן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "גִיבּ מִיר דֶעם תַּנַ"ךְ דָאס אִיז דֶער "כָּל טוּב"."

רַבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "טָאמֶער עֶס וֶועלְן קוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן טַאנְצְן מִיט אַ פִידְל פַאר מִיר וֶועט עֶס מִיר זַייעֶר מְחַיֶּה זַיין." שְׁפֶּעטֶער הָאט רַבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן פוּן ר' יִצְחָק עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען דִי קִיכְל פוּן שַׁבָּת אוּן הָאט גֶעגֶעסְן בְּדֹחַק אַ כְּזַיִת, מִיט אַבִּיסְל יוֹךְ אוּן אַבִּיסְל צִימֶעס. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, בַּיים בֶּענְטְשְׁן הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט "הָרַחֲמָן הוּא יַמְשִׁיךְ לָנוּ קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".



# אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט, אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט

אִין יָאר תר"ד הָאט ר' נָתָן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן ר' נַחְמָן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן הרה"ח רֶבִּי יִשְׂרָאֵל פוּן שְׁטָאט לִיפָּאוִויץ, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר פַאר ר' נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶס גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם טָאג פוּן דֶער חֲתוּנָה, אִיז ר' נָתָן גֶעפָארְן בַּאגְלֵייט מִיט עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט צוּ דֶער חֲתוּנָה. עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כַּלָּה אוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט צוּ גֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם חָתָן מִיט גֶעזֶענְג. וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז ר' נָתָן קוּמְט צוּ פָארְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן שְׁטֵיינֶער אִים צוּ מְקַבֵּל פָּנִים זַיין... אוּן אַזוֹי אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁען, וֶוען ר' נָתָן מִיט זַיין זוּן דֶער חָתָן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט, זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים אִים בַּאפַאלְן.

ר' נָתָן הָאט צוּגֶעזֶען דִי קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן וָואס אִיז דָארְט פָארְגֶעקוּמֶען, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט, צוּם נָאנְטְן וַואלְד, וֶוען אִינְצְווִישְׁן אִיז דֶער מְחֻתָּן ר' יִשְׂרָאֵל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצְיֵי סְטַאנְצְיֶע, וואוּ דִי אָפִּיצִירְן זֶענֶען טַאקֶע גֶעקוּמֶען אָפְּשְׁטֶעלְן אַז דִי חֶבְרָה זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאגְן אוּן פַארְפִירְן.

וֶוען דִי קְרִיג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער גֶעטְרֵייעֶר גַּבַּאי פוּן ר' נָתָן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער בַּאמֶערְקְט אַז ר' נָתָן אִיז נֶעלְם גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז ר' נָתָן גֶעפִינְט זִיךְ אִין... וַואלְד, עֶר גֵייט אַרַיין טִיף אִין וַואלְד אוּן זֶעט, ווִי ר' נָתָן זִיצְט אִין וַואלְד אוּן רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן...

עֶר לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר אוּן הֶערְט ווִי דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען אַרוֹיס פוּן ר' נָתָנְ'ס הֵיילִיגֶע מוֹיל: "...רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶועלְכֶער מְחֻתָּן הָאט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים ווִי מַיינֶע? אַז אַ וואסֶער טְרֶעגֶער מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, הָאט עֶר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? אִיז דָאךְ דָאס נָאר דֶערְפַאר ווַייל אִיךְ רֶעד פוּנֶעם רֶבִּי'ן".



ר' נָתָן הָאט זִיךְ דַאן גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם פָּסוּק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְבָאֵר אִין תּוֹרָה ס"ו "שֶׁעִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ שֶׁל כָּל הַיְרֵאִים וְהַכְּשֵׁרִים יִהְיֶה רַק לֶעָתִיד לָבוֹא" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע לַייט. ר' נָתָן הֵייבְּט אָן זִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער מִיטְן בַּאוואוּסְטְן נִיגוּן פוּן אֵשֶׁת חַיִל "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶעהְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט נָאר זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט".

ר' נָתָן גֵייט יֶעצְט צוּרִיק צוּ זַיין וָואגְן אוּן פָארְט אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּן דִי חֻפָּה אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן כַּדָּת וְכַדִּין.

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## אוֹיסְגֶעטְרָאטֶעֶנֶעם וֶועג

בַּיי אוּנְזֶער חֲנוּכָּה מְסִבָּה, בַּיים שְׁפִּילְן אַ שְׁפִּיל אִין חֵדֶר הָאבְּן אוּנְז גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע וֶועג אוּן קֵיינֶער פוּן מַיין כִּתָּה הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקֶענְט מַאכְן.

**מֹשֶׁה יִשְׂרָאֵל**

**מָאנְסִי**

## "יֵשׁ מִקְוֶה יֵשׁ תִּקְוָה!"

לְכָבוֹד דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער פוּן דֶער לִיכְט. אִיךְ ווִיל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ:

זֹאת חֲנוּכָּה. דֶער חֲנוּכָּה גֵייט שׁוֹין בַּאלְד פַּארְבַּיי. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען דֶער יוֹם טוֹב גֵייט פַּארְבַּיי אִיז עֶס נִישְׁט אַרוֹיס נָאר אַרַיין. דָאס מֵיינְט אַז אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס דֶער יוֹם טוֹב הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט אִיז אַרַיין אִין אוּנְז.

מִיט דִי גֶעדַאנְקֶען הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט דִי מנורה פוּן דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶע נַאכְט פוּן חֲנוּכָּה. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי גְלֶעזֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה עֶס צוּ רֵיינִיגְן אוּן אוֹיסְוַואשְׁן אוּן בּוּם!!! אֵיין גְלֶעזְל הָאט גֶעפְּלַאצְט אִין מַיינֶע הֶענְט אוּן מִיר גֶעמַאכְט אַ טִיפֶער שְׁנִיט אִין פִינְגֶער. בְּלוּט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גִיסְן. אִיךְ הָאבּ עֶס פֶעסְט צוּגֶעהַאלְטְן אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג. דִי בְּלוּט הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פְּלִיסְן.

דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעקְלִינְגֶען אַן עַסְקָן וָואס קֶען זִיךְ אוֹיס אִין דִי עִנְיָנִים צוּ פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן? עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מוּז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל. "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ עֶס אַייךְ וַוייזְן?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט.

"אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין גֶעגְנְט," הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

וָואס טוּט מֶען? אַרַיינְפָארְן אִין שְׁפִּיטָאל אִיז נִישְׁט ווִי פָארְן צוּ אַ פַּארְק... אִיךְ הָאבּ גֶעקְלִינְגֶען אַ צְווֵייטְן עַסְקָן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה.

"אִיךְ קֶען דִיר עֶפֶּעס אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דַיין פִינְגֶער," הָאט דֶער עַסְקָן בַּאשְׁטֶעטִיגְט, אָבֶּער דָאס מֵיינְט אַז פַאר דְרַיי טֶעג וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה," זָאגְט עֶר מִיר.

"אוֹי וַויי," קְלֶער אִיךְ צוּ מִיר, "ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן קַיין מִקְוֶה? דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ הֵיילִיגֶע זַאכְן אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן מִקְוֶה. אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערְמַאנְט אַז הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה (תפלה כ"א חלק ב') אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, ווִי ר' נָתָן רֶעדְט דָארְט אַרוּם וֶועגְן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ בִּיז יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה אוּן דֶערְבַּיי הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּ וַוייטֶער קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה.

אִיךְ קוּם אָן צוּם דֶעם אִיד אִין שְׁטוּבּ, עֶר גֶעבְּט אַ קוּק אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז דֶער מַצָּב אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ. עֶר קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אַ שְׁטַארְקְן פְּלַאסְטֶער וָואס מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה.

**חיים**

# א שמועס מיט'ן זיידן




זָאג מִיר בֶּערֶעלֶע מִיט וָואס הָאסְטוּ זִיךְ הַיינְט גֶעשְׁפִּילְט? אִיךְ ווִיל מִיט דִיר אַרוּמְרֶעדְן וֶועגְן דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן...

**בֶּערֶעלֶע:** זִיךְ שְׁפִּילְן? זֵיידִי קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן? וָואס הָאט שְׁפִּילֶערַייעֶן מִיט עֲבוֹדַת ה'?

**זֵיידֶע:** הָא, זֵייעֶר גוּט פְרֶעגְסְטוּ צַדִּיקְ'ל, הֶער מִיךְ אוֹיס, יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען זַיין אַ מִצְוָה אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ פַאר וֶועלְכֶע תַּכְלִית מֶען טוּט דָאס. אוֹיבּ מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ סְתַּם לְשֵׁם שְׁפִּילְן, פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן פַארְפַּאטְשְׁקֶען טַייעֶרֶע צַייט אִיז זִיכֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, אָבֶּער אַמָאל אִיז שְׁפִּילְן אוֹיךְ אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**בֶּערֶעלֶע:** לֶעצְטֶע וָואךְ חֲנוּכָּה הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּילְט דְרֵיידְל.

**זֵיידֶע:** רִיכְטִיג! דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אִין דֶעם דְרֵיידְל זֶענֶען בַּאהַאלְטְן הוֹיכֶע סוֹדוֹת, סְ'אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ שְׁפִּיל. גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פְּלֶעגְן שְׁפִּילְן דְרֵיידְל חֲנוּכָּה, אוּן פּוּרִים הָאבְּן מִיר דֶעם גְרַאגֶער-שְׁפִּיל צוּ אוֹיסְמֶעקְן הָמָן. אָבֶּער אִיךְ מֵיין נִישְׁט נָאר דִי הֵיילִיגֶע שְׁפִּילֶערַייעֶן נָאר אֲפִילוּ פָּשׁוּט זִיךְ שְׁפִּילְן אַזוֹי ווִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אִין חֶדֶר אִיז אוֹיךְ אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. סְ'אִיז דָא אַ צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער זָאלְן אַרוּמְלוֹיפְן אוּן זִיךְ אוֹיסְטְשׁוּכֶען אַבִּיסְל אוּן צוּרִיק קוּמֶען פְרִישֶׁער לֶערְנֶען ווַייטֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין שִׁבְחֵי הָרַ"ן אַז כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ הֵיילִיג קִינְד אַז עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אִין חֶדֶר אוּן פְרָאבִּירְן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאךְ אַסַאךְ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁפִּילְן אוּן מַאכְן "מַעֲשֶׂה נֲעָרוֹת" טַאנְצְן אוּן לוֹיפְן א.ד.ג.

אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם דָאס שְׁפִּילְן אִיז אוֹיף אַן אוֹפָן פוּן קְרִיגֶערַייעֶן אִיז דָאס זִיכֶער פַארְקֶערְט פוּן אַ מִצְוָה...

בֶּערֶעלֶע, הֶער זִיךְ אֵיין אַ מַעֲשֶׂה. ווִי בַּאוואוּסְט אִיז אִין אוּמַאן גֶעוֶוען אַ גְרוּפֶּע אֶפִּיקוֹרְסִים, אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען לַיידֶער אָפְּגֶעפָאְרן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מַשְׂכִּילִים, וָואס הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי פַארְקְרוּמְטֶע דֵעוֹת פוּן הַשְׂכָּלָה אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דְרַיי פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעלֶערְנְט מִיט פִיל חָכְמוֹת חִיצוֹנוֹת אוּן זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי מְלוּכָה אִין יֶענֶע צַייט. אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסְן חַייקֶל מִיט זַיינֶע צְוֵויי אֵיידִימֶער לָאנְדָא אוּן הִירְשׁ בֶּער. זֵייעֶר הַשְׁפָּעָה בַּיים קֵייזֶער אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז וֶועלְכֶער צַדִּיק וָואס הָאט נָאר גֶעוָואלְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין אוּמַאן הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעדְרֵייט בַּיי דִי מְלוּכָה זֵיי צוּ פַארְשִׁיקְן. אָבֶּער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען

המשך קומענדיג זייט

קַיין אוּמַאן הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט זֵיי מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה, אַז נִישְׁט נָאר זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוֹן נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְקֻרָב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל זִיךְ קוּמֶען בַּאזֶעצְן אִין דִי שְׁטָאט אוּמַאן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל הָאט שׁוֹין גֶעווֹאוֹינְט אִין אוּמַאן פְלֶעגְן זֵיי אַסַאךְ אַרֵיינְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען מִיט חָכְמָה אוּן אַרֵיינְגֶעגֶעבְּן אוֹיךְ אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם אַז זֵיי פְלֶעגְן בַּאקוּמֶען הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרֵיין צוּ אִים מִיט דִי בִּיסְל הַכְנָעָה וָואס זֵיי הָאבְּן, מִיט דֶעם וָואס זֵיי קוּמֶען צוּם צַדִּיק וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן אִין אַלֶע וֶועלְטְן...



אֵיינְמָאל זֶענֶען דִי אֶפִּיקוֹרְסִים גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט זֵיי דֶער שְׁפִּיל "שַׁאך". אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אַז וֶוען מֶען שְׁפִּילְט וֶוערְט מֶען הֵיימִישׁ, זֶענֶען דִי אֶפִּיקוֹרְסִים אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי הֵיימִישׁ מִיטְן רֶבִּי'ן אִינְמִיטְן דִי שְׁפִּיל אַז זֵיי הָאבְּן פַארְגֶעסְן פוּן דִי יִרְאָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיצְן קֶעגְן אַ צַדִּיק. פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען ר' נָתָן זַ"ל אוּן ר' נַפְתָּלִי אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט וָואס זֵיי זֶעעֶן פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעוואוּסְט דִי מוֹרָא'דִיגֶע גְרוֹיסְקַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי פִירְן זֵיי זִיךְ אוֹיף בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעהַאט אַבִּיסְל חֲלִישׁוּת דַּעַת דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי אָבֶּער הָאט בַּאמֶערְקְט זֵייעֶר חֲלִישַׁת הַדַּעַת הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי:

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. אַ קֶענִיג הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַיין פְרַיינְד מִיט דִי שְׁפִּיל שַׁאך, אָבֶּער אִינְמִיטְן דִי שְׁפִּיל הָאט דֶער קֶענִיג'ס פְרַיינְד פַארְלוֹירְן דִי יִרְאַת הַכָּבוֹד אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט פַארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז מֶלֶךְ, דֶער פְרַיינְד הָאט פַארְגֶעסְן אַז עֶר זִיצְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם מֶלֶךְ, אוּן דִי שְׁפִּיל הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי וִוי צְוֵויי פְּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן שְׁפִּילְן, וֶוען דֶער קֶענִיג גֶעווִינְט אֵיין מָאל אוּן אֵיין מָאל גֶעווִינְט דֶער פְרַיינְד דֶעם שְׁפִּיל. אִינְמִיטְן דִי שְׁפִּיל זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען דִי שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען דִי חָשׁוּבֶ'ע שָׂרִים הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר זִיצְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם קֵייסֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן נִישְׁט אַזוֹי עֶכְט, עֶר הָאט זִיךְ דִירֶעקְט גֶעמַאכְט דוּרְכְפַאלְן דֶעם שְׁפִּיל כְּדֵי דֶער קֶענִיג זָאל גֶעווִינֶען אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אַנְטְקֶעגְן דִי שָׂרִים, דֶער מֶלֶךְ וָואס הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי זַאךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין פְרַיינְד אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז גֶעשֶׁען? פַארְוָואס שְׁפִּילְסְטוּ נִישְׁט גוּט? ס'הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר צוּ טוּן, מִיט דִי חָשׁוּבֶ'ע שָׂרִים פִיר אִיךְ מַיינֶע מְדִינוֹת, אוּן מִיט דִיר שְׁפִּיל אִיךְ שַׁאךְ...." הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעווִיזְן אוֹיף ר' נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי אוּן גֶעזָאגְט: "מִיט אַייךְ פִיר אִיךְ מְדִינוֹת, אוּן מִיט זֵיי שְׁפִּיל אִיךְ שַׁאךְ...".

# דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז גוּטֶע מִדּוֹת...

**אֱמֶת** אִיז דֶער עִיקָר וָואס אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִּיק. וִויבַּאלְד אֱמֶת אִיז אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ לֵייגְט זִיךְ דֶער בַּעַל דָבָר אוֹיף דֶעם מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן מִיטְלֶען, צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְשְׁקֵייט, נָאךְ אִין דִי קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן אִיז דָא אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן אוֹיף יֶעדְן קִינְד אִין אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, צוּ עֶר זָאל זָאגְן אַ לִיגְנְט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְדְרַייעֶן אָדֶער זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זָאגְן דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ נִסָּיוֹן בַּיי יֶעדֶעס קִינְד, כָאטְשׁ יֶעדֶער קִינְד מֵיינְט אַז דָאס גֵייט אַרִיבֶּער נָאר אוֹיף אִים.

צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַ אִינְגְל וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁפִּילְט אוּן אַהֵיים גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אוּן עֶר הָאט מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר דֶער מַאמֶע דֶעם אֱמֶת פַארְוָואס עֶר הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט, אָדֶער פִילְט זִיךְ אַ קִינְד עֶלְנְד אַלֵיין אוּן עֶר וִויל זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אוּן פַארְצֵיילְן זַאכְן אִין חֵדֶר, עֶר וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, עֶר הָאט נִישְׁט אַלֶעמָאל דָאס וָוארְט אוֹיפְן פְּלַאץ, פְּלַאנְט עֶר אוֹיס גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶעס וָואס זֶענֶען קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן כְּדֵי עֶר זָאל וַוייזְן פַאר דִי חֲבֵרִים אַז עֶר הָאט אוֹיךְ וָואס אַרַיינְצוּרֶעדְן. אַזוֹי אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר בַּיישְׁפִּילְן אוֹיף דֶער זַאךְ וִוי מִיר אַלֶע וֵוייסְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דֶער אֱמֶת וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ פוּן יֶעדֶער אִיד, צוּ דֶער עֲצַת הַיֵּצֶר וָואס פְּרָאבִּירְט צוּרֶעדְן זִיךְ צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן אוּן מְסַדֵּר זַיין אַלֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן מִיט אַפָּאר לִיגְנְט.

רוֹב קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען בְּטָעוּת אַז דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִין אַ לִיגְנְט אִיז דֶער יֶענֶעם אָפְּנַארְן, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז מֶען בַּ'עַוְלֶה'ט אַ צְוֵוייטְן מִיט דֶעם וָואס מֶען בְּלָאפְט אוֹיף אִים, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אִינְגַאנְצְן פַארְקֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט 'מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק' דִי פָּשׁוּטֶ'ע פְּשַׁט דֶערְפוּן אִיז אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר. צַדִּיקִים עֶרְקְלֶערְן דִי זַאךְ נָאךְ טִיפֶער, 'מִדְּבַר שֶׁקֶר' אוֹיב דוּ וֶועסְט זָאגְן לִיגְנְט 'תִּרְחָק' וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין,

ווייל דֶער עִיקָר חֵן פוּן אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז נָאר וֶוען עֶס אִיז מִיט אֱמֶת, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין פַאלְש, דַאן פַארְלִירְט עֶר זַיין פַארְבִּינְדוּנְג צוּ דִי אֱמֶת׳ע נְקוּדָה פוּן זִיךְ אַלֵיין, וָואס ווִיל אִיךְ, וָואס פִיל אִיךְ וְכוּ׳, אוּן עֶר פַאנְגְט זִיךְ אָן צוּ דְרַייעֶן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִיש.

ר׳ נָתָן זַצַ״ל פְלֶעגְט זָאגְן וֶוער עֶס בַּאנַארְט נַארְט נָאר זִיךְ אַלֵיין אָפּ! וֶוער עֶס שְׁווִינְדֶלְט, שְׁווִינְדְלְט נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין א.א.וו. אַז מִיר קִינְדֶער זָאל זִיךְ נֶעמֶען נָאר אֵיין רֶגַע יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ זִיךְ טְרַאכְטְן: ׳ווִי אַזוֹי קוּק אִיךְ אָן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט אֱמֶת?׳ יֶעדֶער קוּקְט אִים זַייעֶר אַרָאפּ, חוּץ פוּן דֶעם וָואס אַ לִיגְנֶער וֶוערְט נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט בַּיי קֵיינֶעם, גֶעוואוֹינְט עֶר נָאךְ צוּ זַיין נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַאלְש. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט אִין דֶעם זַאךְ, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין אִיךְ גֵיי מִיטְן אֱמֶת! אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִישׁ אֱמֶת!

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ דַּרְגוֹת אִין אֱמֶת וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר אַלֶעס אִיז ׳סוּר




מֵרָע׳ נִישְׁט צוּ זָאגְן קֵיין לִיגְנְט! אַזוֹי ווִי ר׳ נָתָן בֶּעט פוּן בַּאשֶׁעפֶער ׳שֶׁלֹּא יֵצֵא מִפִּי דְּבַר שֶׁקֶר לְעוֹלָם!׳, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ אִיז מֶען שׁוֹין יָא גֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אוּן גֶעזָאגְט אַ פַאלְשֶׁע זַאךְ פוּן מוֹיל, דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם צְווִישְׁן זִיךְ אוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן רַחֲמִים בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֱמֶת׳דִיג אִין אַזַא פַאלְשֶׁע וֶועלְט. יֶעדֶעס קִינְד קֶען דָאס בֶּעטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אֱמֶת׳דִיג, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן אַלֶע מִינֵי שְׁקָרִים, הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל גֵיין אִין דִי גְלַייכֶע לִיכְטִיגֶע וֶועגְן, ווייל דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַלֵיין, נָאר מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן הִתְקַשְּׁרוּת צוּ דִי צַדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים דָאס מֵיינְט דִי אֱמֶת׳ע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרָאטְן אַ אֱמֶת׳ע וֶועג פַאר אוּנְז, אוּן הָאבְּן דֶעם כֹּחַ דָאס צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז״.

# דִי עֶלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט



## 5 דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן

**אוּן דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ.** מַחְמַת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיז עֶר דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז יוֹא גִימָאלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען.

**אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין** צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוָוארִין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִיט גְוואוּסְט וִוי אַזוֹי. וִוירְמִיר וֶועט עֶר דָאס קָאנֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה.

**נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין** פָּארְט וַוייל עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ הֵייסִין אַרַיין לָאזִין.

**אוּן עֶר וֶועט זִיךְ** דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. וָואס וֶועט עֶר דָא צוּ לֵייגִין.

**הָאט עֶר גִיזָאגְט** (צוּ דִי מֶענְשְׁן וָואס זֵי הָאבִּין אִים נִיט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין) אַז זֵיי זָאלִין אִים אַרַיין לָאזִין אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט מֶען אִים אַרַיין גִילָאזְט.

**אוּן מֶע הָאט מוֹדִיעַ** גִיוֶוען דִי שָׂרִים אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹ אֵיין מֶענְשׁ. וָואס עֶר וִויל זִיךְ דָס אוּנְטֶער נֶעמֶען עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען.

**הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט** צוּ דִי שָׂרִים פוּן דֶער מְדִינָה. הָאבִּין אִים דִי שָׂרִים גִיזָאגְט. דוּ זָאלְסְט וִויסִין. אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קֵיין נַעֲרָנִים נִיט חַס וְשָׁלוֹם. נָאר דֶער מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. עֶר אִיז גִיוֶוען אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. וָואס אַקֶעגִין אִים. זֶענֶען מִיר אַלֶע גִיוֶוען נַעֲרָנִים.

**אִיבֶּער דֶעם פְלֶעגְט מֶען דִי מְדִינָה** צוּ רוּפִין דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבִּין. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַ חָכָם. נָאר אַקֶעגִין אוּנְז אִיז עֶר גָאר קֵיין חָכָם נִיט.

**אִיבֶּער דֶעם רוּפְט מֶען הַיינְט דִי מְדִינָה פַארְקֶערְט.** דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַיירִישֶׁער מַלְכוּת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צַוָואָה גְלָאזְט אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם וָואס עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. זָאל עֶר זַיין מֶלֶךְ.

**אוּן הָאט אָנְגִיזָאגְט** דֶעם זוּן אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. זָאל עֶר אִים אָפְּטְרֶעטִין דִי מְלוּכָה. דְהַיינוּ אַז סֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַזוֹי אַ חָכָם. וָואס עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער חָכָם. וָואס אַקֶעגִין אִים וֶועלִין זֵיי אַלֶע זַיין נַעֲרָנִים. זָאל עֶר וֶוערִין מֶלֶךְ.

**וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוּמְקֶערִין** צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע נַעֲרָנִים אַקֶעגִין אִים. בְּכֵן זָאלְסְטוּ וִויסְן וָואס דוּ נֶעמְסְט דִיךְ דָא אוּנְטֶער (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ דִי שָׂרִים צוּ אִים גִיזָאגְט).

**נָאךְ הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט** דִי פְּרוּב וֶועט זַיין אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַ חָכָם. בַּאֲשֶׁר סֶע אִיז דָא פַארְהַאנְדִין אַ גָארְטִין וָואס סֶע אִיז אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

**אוּן דֶער גָארְטִין אִיז זֵייעֶר אַ וִוילְד חִידוּשׁ.** סֶע וַואקְסִין אִין אִים כְּלֵי מַתְּכוֹת (דְהַיינוּ כֵּלִים פוּן אַייזִין וַוארְג) זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּן גִילְדֶענֶע כֵּלִים. אוּן עֶר אִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר. נָאר מֶע קֶען נִיט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם גָארְטִין. וָוארִין אַז אֵיין מֶענְשׁ גֵייט אִין אִים אַרַיין.

**אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶף צוּ יָאגִין.** אוּן מֶע יָאגְט. אוּן עֶר שְׁרַייט אוּן עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט אוּן זֶעהְט גָאר נִיט וֶוער סֶע יָאגְט אִים אוּן אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים אַלְץ בִּיז מֶע מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפִין פוּן דֶעם גָארְטִין. בְּכֵן וֶועלִין מִיר זֶעהְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אֵיין חָכָם. אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִים דֶעם גָארְטִין.

**הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט** צוּ מֶע שְׁלָאגְט דֶעם מֶענְשְׁן וָואס עֶר גֵייט אַרַיין. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. דֶער עִיקָר אִיז מֶע יָאגְט אִים. אוּן עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט וֶוער סֶע יָאגְט אִים. אוּן עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפִין מִיט גְרוֹיס בְּהָלָה זֵייעֶר.

**וָואריִן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי דֶערְצֵיילְט** מֶענְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַהִין אַרַיין גִיגַאנְגֶען. (אַזוֹי הָאבִּין אַלְץ גִיזָאגְט דִי שָׂרִים צוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ).

**הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין** אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם גָארְטִין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִים. אוּן דֶער טוֹיעֶר אִיז אוֹיפִין. אוּן סֶע קֵיין שׁוֹמְרִים דָארְט נִיט פַארְהַאנְדִין.

**וָואריִן מֶע בַּאדַארְף בְּוַודְאַי נִיט קֵיין שׁוֹמְרִים** צוּ דֶעם גָארְטִין (וָואריִן סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער אִין אִים נִיט אַרַיין גֵיין כַּנַּ"ל) **אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען בַּיי** דֶעם גָארְטִין (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ)

**הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן**. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז סֶע שְׁטֵייט דָארְט לֶעבִּין דֶעם גָארְטִין אַ מֶענְשׁ. דְהַיינוּ סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גִיטָאן

**הָאט עֶר גִיזֶעהְן** אַז אִיבֶּער דֶעם מֶענְשְׁן אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶענְשׁ. דָאס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ פַאר כַּמָּה מֵאוֹת שָׁנִים. (פַאר וִויפִיל הוּנְדֶערְט יָאר) אוּן אִין דִי צַייטִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם. וָואריִן בִּיז דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת. אוּן אַזוֹי נָאךְ אִים אִיז גִיוֶוען מִלְחָמוֹת אוּן אִין דִי טֶעג פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען שָׁלוֹם.

**הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען**. וָואריִן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אַז סֶע אִיז גָאר גִיוֶוענְט אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן. אַז מֶע גֵייט אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן מֶע הֵייבְּט אָן צוּ יָאגִין. בַּאַדַארְף מֶען גָאר נִיט צוּ אַנְטְלוֹיפִין נָאר מֶע זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערִין.

**נָאךְ מֶער אֲפִילוּ** אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינֶעוֵוייניק אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אַזוֹי וֶועט קֶענֶען אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אַרַיין גֵיין בְּשָׁלוֹם אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. (אַזוֹי הָאט אַלְץ פַארְשְׁטַאנֶען דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וַוייל עֶר אִיז גִוֶוען אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר) הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגִיהוֹיבִּין אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין. אוּן תֵּיכֶף וִוי מֶע הָאט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ יָאגְן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס סֶע גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין דֶעם גָארְטְן פוּן דְרוֹיסְן אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם אוּן סֶע הָאט אִים גָאר נִיט גִישַׁאט וָואריִן אַנְדֶערֶע אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אוּן מֶע הָאט זֵיי אָנְגִיהוֹבִּין צוּ יָאגִין.

**זֶענֶען זֵיי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין** מִיט גְרוֹס בְּהָלָה זֵייעֶר. אוּן זֵיי זֶענֶען גִישְׁלָאגִין גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן.

**אוּן דִי שָׂרִים** הָאבִּין דָאס גִיזֶעהְן אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוִוינְדֶערְט. וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיהֵייסִין (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין) אַז מֶע זָאל נֶעמֶען דֶעם מֶענְשְׁן. אוּן מֶע זָאל אִים אַרַיין שְׁטֶעלִין אִינִיוֵוייניק אִין דֶעם גָארְטְן אַרַיין הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן.

**אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע שָׂרִים** אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם גָארְטִין אַרַיין אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם.

**הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרִים** צוּ אִים אָנְגִירוּפִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט חָאטְשֶׁע מִיר הָאבִּין פוּן דִיר גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. פוּן אֵיין זַאךְ וֶועגִין. קוּמְט דִיר נָאךְ נִיט אָפְּצוּגִיבִּין דִי מְלוּכָה. מִיר וֶועלִין דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִט אֵיין זַאךְ.

**בַּאֲשֶׁר דָא אִיז פַארְהַאנְדִין** אַ שְׁטוּל פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סֶע גִיוֶוען. אוּן דִי שְׁטוּל אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ. אוּן בַּיי דֶער שְׁטוּל שְׁטֵייעֶן אַלִירְלֵיי חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת פוּן הָאלְץ אוֹיס גִישְׁנִיצְט.

**אוּן פַאר דֶער שְׁטוּל** שְׁטֵייט אַ בֶּעטִיל אוּן בַּיי דֶעם בֶּעט שְׁטֵייט אַ טִישׁ אוּן אוֹיף דֶעם טִישׁ שְׁטֵייט אַ לַייכְטֶער. אוּן פוּן דֶער שְׁטוּל גֵייעֶן אַרוֹיס גִישְׁלָאגִינֶע וֶועגִין.

**אוּן דִי וֶועגִין זֶענֶען גִימוֹיעֶרְט**. אוּן דִי וֶועגִין גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל אִין אַלֶע זַייטִין. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס סֶע אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי וֶועגִין אוּן דִי וֶועגִין אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן צִיהֶען זִיךְ אַוֶעק אַ שְׁטִיק. שְׁטֵייט דָארְט אַ גִילְדִינֶער לֵייבּ.

**אוּן אַז אַ מֶענְשׁ זָאל צוּ אִים צוּ גֵיין**. וֶועט עֶר עֶפִינֶען דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַייְנְשְׁלִינְגֶען. אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג נָאךְ וַוייטֶער.

**אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין** וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל. דְהַיינוּ בַּיי דֶעם אַנְדֶערִין וֶועג וָואס סֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע זַייט. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי.

**אַז דֶער וֶועג צִיהְט זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק.** שְׁטֵייט דָארְט אֵיין אַנְדֶערֶע חַיָה. דְהַיְינוּ אַ לֶעמְפֶּערְט פוּן אַייזְן וַוארְק. אוּן דָארְט קָאן מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִיט צוּ גֵיין (כַּנַ"ל וָוארִין עֶר וֶועט אַיין שְׁלִינְגֶען) אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם לֶעמְפֶּערְט צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג וַוייטֶער.

**אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע וֶועגִין.** אוּן דִי דָאזִיגֶע וֶועגִין. צִיהֶען זִיךְ אוּן גֵייעֶן אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה. אוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִיט וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דִי אַלֶע זַאכִין מִיט דִי וֶועגִין. **בְּכֵן** וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גִיפְּרוּבְט וֶוערִין. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קָאנֶען וִויסִין דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּל מִיט דֶעם אַלִימֶען.

**הָאט מֶען אִים גְוִויזִין דִי שְׁטוּל.** הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ'. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שְׁטוּל. הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן.

**הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דִי שְׁטוּל אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין פוּן דֶעם הָאלְץ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (דְהַיינוּ דִי כְּלִי וָואס דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִישֶׁענְקְט כַּנַ"ל)

**הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט.** הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז סֶע גֵייט אָפּ פוּן דֶער שְׁטוּל פוּן אוֹיבִּין עֶפֶּעס אַ רֵייזִילֶע. אוּן אַז דִי שְׁטוּל זָאל הָאבִּין דָאס רֵייזִילֶע. וָואלְט דִי שְׁטוּל גִיהַאט דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל. (דְהַיינוּ דִי כְּלִי הַנַ"ל וָואס זִי הָאט גִיהַאט דֶעם כֹּחַ. אַז מֶע פְלֶעגְט דִי כְּלִי צוּ לֵייגִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ חַיָה וְכוּ' הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילְן כַּנַ"ל)

**הָאט עֶר וַוייטֶער גִיקוּקְט.** הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָאס רֵייזִילֶע וָואס סֶע גֵייט אָפּ אוֹיבִין פוּן דֶער שְׁטוּל. דָאס רֵייזִילֶע לִיגְט אוּנְטִין אִין דֶער שְׁטוּל. בַּאדַארְף מֶען דָאס רֵייזִילֶע אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אוּנְטְן אוּן אַרַיין זֶעצִין עֶס אוֹיבִין אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּל הָאבִּין דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטִיל (הַנַ"ל) וָוארִין דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען הָאט אִיטְלִיכֶע זַאךְ גִיטָאן מִיט חָכְמָה אוּן הָאט אַלְץ פַארְשְׁטֶעלְט.

**כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט פַארְשְׁטֵיין** דִי זַאךְ וָואס עֶר מֵיינְט בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטוֹיסִין אוּן וֶועט קֶענֶען צוּטְרֶעפִין אַלְץ אִיבֶּער צוּ בַּייטִין. אוּן מְסַדֵר צוּ זַיין אַלֶע זַאכִין אַזוֹי וִוי מֶע דַארְף. **אוּן אַזוֹי דָאס בֶּעטִיל.** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶע בַּאדַארְף עֶס אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט וִוי סֶע שְׁטֵייט.

**אוּן אַזוֹי דֶעם טִישׁ** בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן דֶעם אָרְט אוּן אַזוֹי דֶעם לַייכְטֶער בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסִיל אַוֶועק רוּקִין פוּן אִים אָרְט.

**אוּן אַזוֹי דִי עוֹפוֹת** אוּן דִי חַיוֹת מוּז מֶען זֵיי אוֹיךְ אַלֶע אִיבֶּער שְׁטֶעלִין. מֶע זָאל נֶעמֶען דָאס עוֹף פוּן דֶעם אָרְט אוּן מֶע זָאל עֶס שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶעם אָרְט.

**אוּן אַזוֹי אַלֶע** מוּז מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אַלְץ אִין מִיסְטְנֶע פַארְשְׁטֶעלְט מִיט חָכְמָה כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט וִויסִין וָואס מֶע מֵיינְט.

**בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען** דֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט קָאנֶען פַארְשְׁטֵיין עֶר זָאל אַלְץ מְסַדֵר זַיין אַזוֹי וִוי מֶע בַּאדַארְף. אוּן אַזוֹי דֶער לֵייבּ וָואס עֶר שְׁטֵייט דָארְט וִוי דֶער וֶועג גֵייט אַרוֹיס בַּאדַארְף מֶען אִים אַהִין שְׁטֶעלִין.

**אוּן אַזוֹי אַלֶע בַּאדַארְף** מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל אַלְץ מְסַדֵר זַיין וִוי מֶע בַּאדַארְף. מֶע זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס רֵייזִילֶע פוּן אוּנְטִין אוּן מֶע זָאל עֶס אַרַיין זֶעצִין אוֹיבִין.

**אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע זַאכִין** זָאל מֶען אַלְץ אִיבֶּער שְׁטֶעלִין אוּן מֶע זָאל זֵי מְסַדֵר זַיין אַנְדֶערְשׁ (אַזוֹי וִוי מֶע בַּאדַארְף אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גִיהֵייסִין) וִוי מֶע הָאט אַזוֹי גִיטָאן. הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין אַלֶע צוּ שְׁפִּילִין דֶעם וואוּילִין נִיגוּן וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיטָאן** דָאס וָואס זֵיי בַּאדַארְפִין צוּ טוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים אָפְּגִיגֶעבְן דִי מְלוּכָה. (דְהַיינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע חָכְמוֹת בַּאוִויזִין כַּנַ"ל).

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן הַשִּׁפְחָה. **הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ אוּן דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה בֶּאֱמֶת.**

פַארְצַייטִין אַז מֶע פְלֶעגְט שְׁמוּסִין קַבָּלָה פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּסִין מִיט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן (וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִיז) וְכוּ'. דִי מַעֲשֶׂה אִיז. אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן סֶע גָאר אֵיינְס. דִי בְּהֵמוֹת וְכוּ'. אוּן דִי שְׁטוּל אוּן דֶער גָארְטִן וְכוּ'. סֶע גָאר אֵיינְס. אַמָאל הֵייסְט עֶס אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי.

דֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה. אִיז אַזוֹי וִוי דִי שְׁטוּל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִימַאכְט וָואס דֶער עִיקָר חָכְמָה אִיז אַז מֶע זָאל וִויסִין וִוי אַזוֹי מְסַדֵר צוּ זַיין אִיטְלִיכֶע זַאךְ אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער סֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין סְפָרִים.

אוּן אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם בֶּאֱמֶת. קָאן עֶר פַארְשְׁטֵיין דָאס פֵּירוּשׁ. נָאר מֶע מוּז וִויסִין מֶע זָאל גוּט מְסַדֵר זַיין. וָוארִין אַמָאל הֵייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי אַמָאל אַזוֹי, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין. דָאס הָאט אַלְץ עֶר אַלֵיין ע"ה גִישְׁמוּסְט נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה.

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה"
צייטליך שבת אינדערפרי פרשת מקץ
ביים דאווענען איז

**הילד החשוב עמרם פישמאן**

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן
קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש
אדער אין בן איש חי 54 דירה 11


**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**


# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די עלעפטע מעשה (5) · דער בן מלך און בן שפחה וואס זענען פארביטן געווארן

**א. וואס האט דער אמת'ער בן המלך פארשטאנען נאכדעם וואס ער איז געווארן א מבין דבר מתוך דבר?**

- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די ערשטע נאמען "די נארישע לאנד און קלוגער מלכות"
- ❑ ער האט פארשטאנען ווי אזוי ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען
- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען –כאטש ער ווייסט נישט וויאזוי

**ב. האט מען אים אריינגעלאזט אין די מדינה?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר נאכ'ן אויפוויזן אז ער וועט קענען טוישן די נאמען פון די מדינה

**ג. וואס האבן די שרים געזאגט פאר'ן בן המלך?**

- ❑ אז עס איז נישט שווער צו צוריק קערן דעם נאמען וויל די מדינה זענען נערנים
- ❑ אז די מדינה זענען נישט קיין נערנים נאר אנטקעגן דער קלוגער קעניג וואס איז געשטארבן זענען מיר אלע געווען נערנים
- ❑ אז דער קעניג איז נישט געווען אזוי קלוג נאר ער האט געהאט א עצה געבער

**ד. פארוואס האבן זיי נישט אריינגעלאזט נאר ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען פון די מדינה?**

- ❑ ווייל די שרים האבן געוואלט אז ס'זאל זיין א קלוגער קעניג פאר די מדינה
- ❑ ווייל דער קעניג האט געלאזט צוואה אז ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען ער זאל ווערן קעניג
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט געוואקסן אין די גארטן פון דער פריערדיגע קעניג?**

- ❑ פרוכט און גרינצייג
- ❑ שיינע בלומען
- ❑ אייזערנע כלים זילבערנע כלים און גאלדענע כלים

**ו. וואס האט פאסירט צו ווער ס'האט געוואלט אריין אין גארטן**

- ❑ מ'הייבט אים אהן זייער צו יאגן
- ❑ מ'שלאגט אים
- ❑ מ'לאזט אים אריין גיין רוהיג

**ז. האט די גארטן געהאט שומרים?**

- ❑ ניין
- ❑ יא
- ❑ ס'האט געהאט א שלאס

**ח. וואס איז געשטאנען אויף די טאבליצע וואס איז געווען העכער דעם אויסגעמאלענע מענטש?**

- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר א פאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען מלחמות
- ❑ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום

**ט. וואס האט דער בן המלך פארשטאנען ווען ער האט דאס געזעהן?**

- ❑ אז ווער עס גייט אריין אין גארטן און מ'יאגט אים דארף ער זיך שטעלן נעבן דעם מענטש
- ❑ אז אויב מ'וועט נעמען דעם מענטש און מ'וועט עס אריין לייגן אין דעם גארטן וועט יעדער קענען אריין גיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. דער שטול פונעם קעניג איז געווען הויך אדער נידריג?**

- ❑ הויך
- ❑ זייער הויך
- ❑ נידריג

**יא. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול?**

- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ ווייל אויפ'ן וועג שטייט א לייב פון גאלד און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער עפענען די מויל און אים איינשלינגען

**יב. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול דורך דעם אנדערן וועג וואס גייט ארויס פון שטול?**

- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ ווייל דארטן שטייט א לעמפערט פון אייזן און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער אים איינשלינגען

**יג. וואס האט דער בן המלך געזעהן אז עס פעלט (גייט אפ) פון אויבן פון דער שטול?**

- ❑ א רייזעלע
- ❑ א קרוין
- ❑ א נאגל

**יד. וואס איז געווארן מיט די שטול ווען מ'האט אלעס מסדר געווען אויפ'ן ריכטיגן סדר,און וואס האט מען אים געגעבן פאר דעם?**

- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט געגיבן די מלוכה פאר די בן השפחה
- ❑ זיי האבן אלע אנגעהויבן טאנצן, און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה

**טו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געזאגט פאר'ן אמת'ער בן השפחה?**

- ❑ יעצט פארשטיי איך אז איך בין דער אמת'ער בן המלך
- ❑ יעצט פארשטיי איך אז דו ביזט דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך ארויס פון די מעשה?**

- ❑ אז ביים סוף וועט מען זעהן אז יעדער איד איז דער אמת'ער בן המלך
- ❑ אז ווען מ'האט די ריכטיגע סדר ווערט אלעס פארריכטן
- ❑ ________________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

# טרעף צען קליינע חילוקים צווישן
# די צוויי בילדער






הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' יצחק בערגשטיין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב
לע"נ רבי נתן בן רבי נפתלי הערץ ז"ל
היארצייט עשרה בטבת